15

# קאַפּיטל פֿיפֿצן

1 איך בין דער וואָרהאַפֿטיקער ווײַנשטאָק, און
2 מײַן פֿאָטער איז דער גערטנער. יעדע צווײַג
אין מיר, וואָס ברענגט נישט קיין פּירות, נעמט ער
אַוועק; און יעדע, וואָס ברענגט יאָ פּירות, רייניקט
3 ער, כּדי זי זאָל ברענגען מער פּירות. איר זענט
שוין ריין, דורך דעם וואָרט, וואָס איך האָב צו אײַך
4 גערעדט. בלײַבט אין מיר, און איך אין אײַך.
ווי די צווײַג קען נישט ברענגען קיין פּירות פֿון
זיך אַליין, אויב זי בלײַבט נישט אינעם ווײַנשטאָק,
אַזוי (קענט) איר נישט, אויב איר בלײַבט נישט אין
5 מיר. איך בין דער ווײַנשטאָק; איר זענט די צווײַגן;
ווער עס בלײַבט אין מיר, און איך אין אים, דער
ברענגט אַ סך פּירות; ווײַל אָן מיר קענט איר
6 גאָרנישט טון. אויב עמיצער בלײַבט נישט אין
מיר, ווערט ער אַרויסגעוואָרפֿן אינדרויסן, ווי די
צווײַג, און ווערט פֿאַרדאַרט; און מען זאַמלט זיי
אײַן און וואַרפֿט זיי אין פֿײַער אַרײַן, און זיי
7 ווערן פֿאַרברענט. אויב איר בלײַבט אין מיר, און
מײַנע ווערטער בלײַבן אין אײַך, מעגט איר בעטן
וואָס איר ווילט נאָר, און עס וועט אײַך געטון ווערן.
8 אין דעם דאָזיקן ווערט מײַן פֿאָטער פֿאַרהערלעכט,
אַז איר זאָלט ברענגען אַ סך פּירות; און זײַן
9 מײַנע תּלמידים. ווי דער פֿאָטער האָט מיך
ליב געהאַט, אַזוי האָב איך אײַך ליב געהאַט;
10 פֿאַרבלײַבט אין דער ליבע מײַנער! אויב איר וועט
האַלטן מײַנע געבאָטן, וועט איר בלײַבן אין מײַן
ליבע, ווי איך האָב געהאַלטן די געבאָטן פֿון
מײַן פֿאָטער, און בלײַב אין דער ליבע זײַנער.